בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## פינחס

י"ט תמוז תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:13 | סוז"ת א' | 9:44 |
| סוזק"ש ב' | 9:08 | סוז"ת ב' | 10:20 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קצ"ד

שנה ד'

## טיב הפרשה

# להקריב לי במועדו

## די כח התפילה פון א איד

די וואכענדיגע סדרה איז פרשת פנחס. די פרשה פון פנחס הייבט זיך אן מיט די פרשת הקנאות פון פנחס בן אלעזר הכהן קעגן דער נשיא פון שבט שמעון, אבער שפעטער גייט זי אריבער צו רעדן איבער די קרבנות וואס מען האט מקריב געווען אין בית המקדש.

מערערע פרשה'ס אין די תורה זענען עוסק בעניני הקרבנות, אבער די פרשה פון פנחס איז א זעלטענהייט. אין די פרשה רעכענט די תורה הק' אויס אלע ערליי קרבנות וואס מ'האט מקריב געווען אין בית המקדש.

עס הייבט זיך אן פון די קרבנות התמיד וועלכער מען איז מקריב צוויי מאל א טאג, און עס איז ממשיך מיט די קרבנות פון שבת און פון די ימים טובים.

עס איז א זעלטענער זאך אז אין איין פרשה זאל ווערן צוזאמענגענומען אלע קרבנות אינאיינמאל, אבער עס ווערט נאך אינטערעסאנטער נעמענדיג אין באטראכט אז פרשת פנחס לייגט מען כמעט מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה אין די יְמֵי בֵּין הַמְּצָרִים.

אין די צייט ווען כלל ישראל איז בצער און מען איז זיך מתבונן בצערו פון דער חורבן הבית - דווקא אין די טעג לייענט מען איבער אלע ערליי קרבנות וואס מ'פלעגט מקריב זיין בזמן הבית אין בית המקדש.

די תמיהה ווערט שוין דערמאנט אין עטליכע ספרי קודש. דער מאור ושמש רעדט וועגן דעם און לאזט זיך אריין אין א לענגערע שמועס איבער די נושא, און ציטירט דערביי די באקאנטע מעשה וואס די גמרא [ברכות דף ג'] דערציילט בנוגע ווי אזוי די שכינה הק' קלאגט אויף די לאנגע גלות וואס כלל ישראל גייט אריבער.

די גמרא דערציילט אז רבי יוסי איז אמאל געווען אונטערוועגנס. אזוי גייענדיג איז אנגעקומען דער זמן תפילה. זוכנדיג וואו ער קען דאווענען האט ער געזען איינער פון די חורבות ירושלים און ער איז אריינגעגאנגען דאווענען אין איר. ארויסגייענדיג האט ער באגעגענט אליהו הנביא שטיין ביים טיר.

אליהו הנביא האט אים געפרעגט: "קינד מיינס, וואס האסטו געהערט זייענדיג אין די חורבה? רבי יוסי האט אים געענטפערט: כ'האב געהערט א בת קול וואס ברומט ווי א טויבעלע און קלאגט: "וויי איז צו מיינע קינדער, אז וועגן זייערע זינד, האב איך חרוב געמאכט מיין הויז און פארברענט מיין היכל און זיי פארטריבן צווישן די פעלקער".

האט אליהו הנביא צוגעלייגט: "איך שווער צו דיר, אז נישט נאר אין די שעה קלאגט הקב"ה, נאר יעדן טאג, דריי מאל א טאג, זאגט זי אזוי. און נישט נאר דעמאלטס, נאר ווען אידן גייען אריין אין די שולן און ענטפערן 'יהא שמיה הגדול

## טיב המערכת

### וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ

א רב האט דערציילט, אז ער פלעגט פרעגן מענטשן פארוואס זיי ארבעטן, און מען פלעגט אים ענטפערן, 'כדי איך זאל האבן געלט', און פארוואס ארבעט איר, נאכדעם וואס איר האט שוין געלט? אה, דאס איז כדי די קינדער זאלן אויך האבן געלט. נאכדעם וואס די קינדער זענען אויפגעוואקסן און אויך זיי האבן געארבעט שווער, האט דער רב געפרעגט אויך פון זיי פארוואס זיי ארבעטן, האבן זיי געענטפערט 'כדי אונזערע קינדער זאלן האבן געלט', און אזוי ווייטער און ווייטער... האט זיך דער רב שטארק געוואונדערט און געפרעגט: וואו זענען אט די קינדער, וואס יעדער ארבעט פאר זיי? איך וואלט זיי זייער געוואלט זען, אוודאי זענען זיי גאר געלונגענע קינדער...

אין די פרשה פון די וואך זאגט די הייליגע תורה 'אִישׁ כִּי יָמוּת וּבֵן אֵין לוֹ וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ', און רש"י הקדוש איז מפרש 'וְהַעֲבַרְתָּ - לְשׁוֹן עֶבְרָה הוּא לְמִי שֶׁאֵינוֹ מֵנִיחַ בֵּן לְיוֹרְשׁוֹ', "וְהַעֲבַרְתָּ" איז א לשון פון צארן, ביי איינער וואס לאזט נישט איבער א זון אים צו ירש'נען. אייגנטליך רעדט דער פסוק בפשטות וועגן איינער וואס האט נישט קיין זון און ער איז נישט זוכה צו מאכן ירש'נען זיין פארמעגן פאר זיינע קינדער, און כאטש אֵין מִקְרָא יוֹצֵא מִדֵּי פְּשׁוּטוֹ, קען מען דאס אפשר מפרש זיין בְּדֶרֶךְ רֶמֶז, אז איינער וואס לאזט נישט קיין זון אים צו ירש'נען ברוחניות, איז דא אויף אים א צארן, וויבאלד א מענטש דארף איבערגעבן זיין תורה און זיינע הנהגות צו זיינע קינדער און תלמידים נאך ביי זיין לעבן, און אזוי זעען מיר אויך ווייטער אין די פרשה ביי דעם גרויסן רבי'ן - מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו אים 'קַח לְךָ אֶת יְהוֹשֻׁעַ... וְסָמַכְתָּ אֶת יָדְךָ עָלָיו', און רש"י ערקלערט 'שֶׁיִּדְרֹשׁ בְּחַיֶּיךָ', אז ער זאל דרש'נען נאך ביי דיין לעבן. זעען מיר פון דעם ווי וויכטיג עס איז אז א טאטע און א מלמד זאלן מאכן ירש'נען זייער תורה און זייער וועג פון חינוך צו זייערע קינדער און תלמידים נאך ביי זייער לעבן, און זיי זאלן נישט ווארטן און האפן אז זיי וועלן מקיים זיין זייער צוואה נאך זייער שטארבן.

יעדער איינער זארגט פאר זיינע קינדער אז זיי זאלן האבן אלעס וואס זיי דארפן, און עס זענען דא מענטשן וואס זארגן אפילו פאר "לעבנס פארזיכערונג" כדי אז אויך נאך אונזערע הונדערט און צוואנציג זאלן די קינדער זיין 'מסודר', און כאטש דאס איז אן אויסגעצייכנטער זאך אז די עלטערן זארגן פארן וואוילזיין פון זייערע קינדער, דארף מען אבער געדענקען אז דער עיקר זארג פון די עלטערן דארף זיין פאר די רוחניות פון די קינדער, און אזוי ווי מיר האבן געזאגט פריער אז אויב א מענטש לאזט נישט איבער א זון וואס זאל ירש'נען זיין רוחניות'דיגער וועג, איז דער אויבערשטער פול מיט צארן אויף אים, ווייל וואס איז דען ווערד די גאנצע גשמיות'דיגע ירושה, אויב עס איז נישט באגלייט מיט א רוחניות'דיגע ירושה, און אין דעם ענין זאל מען וויסן אז מען טאר נישט זיין קיין עָנָיו ווען עס קומט צום חינוך פון די קינדער, נאר פונקט פארקערט, די קינדער זאלן וויסן און זען ווען זייער טאטע האט א גוטע הנהגה, ווייל דאס איז זייער חינוך, און ווען זיי וועלן זען זייער טאטע וועלן זיי אויך וועלן זיך פירן אזוי ווי אים, און דאס איז די אמת'ע ירושה וואס א מענטש זאל מאכן ירש'נען פאר זיינע קינדער. (עפ"י טיב התורה - פנחס, וטיב החינוך)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

מבורך' איז כביכול הקב"ה מנענע את ראשו און רופט זיך אן: וואויל איז פאר'ן קעניג וועמען מ'לויבט אין זיין שטוב, מה לו צו א טאטע וואס האט פארטריבן זיינע קינדער און ביטער איז פאר די קינדער וואס זענען געווארן פארטריבן פון זייער טאטנ'ס טיש".

ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון די גמרא, ווערט שווער צו פארשטיין וואס גייט דא פאָר. ווי אזוי קען זיין אז ווען אידן שטעלן זיך דאווענען גייט ארויס א בת קול וואס קלאגט אויף אידישע קינדער אז זיי זענען פארטריבן געווארן פון בית המקדש.

אין די קלאגעריי איז דא א משמעות אז הקב"ה האט חרטה אז ער האט פארטריבן כלל ישראל פון ארץ ישראל.

פארוואס דווקא ווען א איד דאווענט דערוועקט זיך די נקודה? דער מאור ושמש ערקלערט עס מיט א געדאנק וואס ער האט געהערט פון דער הייליגער רבי מענדל רימנובער זי"ע. דער הייליגער רבי ר' מענדל'ע האט געפרעגט אז מיר ווייסן דאך אז הקב"ה איז מקיים די גאנצע וועלט, אויב אזוי שטעלט זיך די קשיא, ווי אזוי איז הקב"ה מקיים די מצוה פון תשובה?

געבט ער עס צו פארשטיין מיט די גמרא אין סוכה [דף נב] אז אויף פיר זאכן האט הקב"ה חרטה אז ער האט זיי באשאפן, און איינס פון זיי איז דער יצר הרע און די גלות. עס קומט אויס פון דעם אז הקב"ה האט חרטה און מיט דעם איז ער מקיים די מצוה פון תשובה.

דער רבוש"ע האט כביכול חרטה, און וועלכער צייט דערוועקט זיך די חרטה? די תשובה איז אז ווען דער בית המקדש איז געשטאנען על מכונו האט מען טאג טעגליך מקריב געווען קרבנות און עס איז ארויף פון די קרבנות א ריח ניחוח לה' אבער נאך דעם וואס די בית המקדש איז געווארן חרוב איז מער נישט דא קיין קרבנות.

מיר האבן טאקע נישט קיין קרבנות, אבער הקב"ה האט אונז געגעבן די כח התפילה און ווען א איד דאווענט פאר הקב"ה און די תפילות זענען במקום הקרבנות גייען זיי ארויף למעלה און זיי זענען מעורר די תענוג דקדושה וואס איז געווען ביי הקב"ה בשעת ווען מ'האט מקריב געווען די קרבנות.

עס קומט אויס אז ווען א איד דאווענט פאר הקב"ה, דערוועקט זיך די געגועים ושעשועים פאר הקב"ה אזוי ווי עס איז געווען אין די צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען על תילה, אבער טראץ וואס עס דערוועקט זיך די געגועים און שעשועים איז עס נישט די זעלבע, ווייל פון חורבן בית מקדשינו איז אראפגעקומען אויף די וועלט א מסך המבדיל וואס פארשטעלט צווישן הקב"ה און די אידן, און דער מסך איז גורם אז אידן זאלן זיך נישט קענען מתגבר זיין בתפילה און בעטן ווי מ'פלעגט אמאל בעטן און שפירן די נאנטקייט וואס מ'האט געשפירט אמאל.

דאס איז גורם א ווייטקייט, די ווייטקייט און דער מסך המבדיל וואלט אויבנאויף געדארפט אפשוואכן די אידן, אז מ'זאל זיך נישט קענען דערנענטערן צו הקב"ה און אז א איד זאל בכלל נישט שפירן א נאנטקייט, ווייל ער איז ווייט, אבער דאך שטארקט זיך דער איד און ער דאווענט יא פאר הקב"ה און וויל זיך דערנענטערן צו הקב"ה און ראנגלט זיך און דראפעט זיך צו שטארקן און איבערקומען די ווייטקייט, דער מסך המבדיל, און דאס זעט מען אין הימל און עס דערוועקט זיך א שטארקע חרטה למעלה אז מ'האט פארטריבן כלל ישראל אין גלות אריין.

מיט דער געדאנק פארשטייט מען די מעשה וואס די גמרא דערציילט. ווען רבי יוסי איז אריין אין די חורבות ירושלים און געזען דער גרויסער חורבן, האט אים אנגעכאפט א גרויסער צער אויפ'ן חורבן בית מקדשינו, און אויך איבער די התרחקות - אז מיר זענען אזוי ווייט פון די קדושה.

רבי יוסי איז געווארן צובראכן פון דער מצב, אבער ער האט זיך געשטארקט מיט אלע כוחות און געדאווענט פאר הקב"ה, און ווען מ'האט אין הימל געזען ווי אזוי ער שטארקט זיך - טראץ די חשכות וואס איז אראפגעקומען אויף די וועלט און האט געמאכט א ריחוק צווישן כלל ישראל און הקב"ה, איז למעלה געווארן א גרויס התעוררות פון דעם און עס איז ארויס א בת קול וואס לויבט אידישע קינדער און רופט אויס: "אַשְׁרֵי הַמֶּלֶךְ שֶׁמְּקַלְּסִין אוֹתוֹ בְּבֵיתוֹ כָּךְ, מַה לּוֹ לְאָב שֶׁהִגְלָה אֶת בָּנָיו, וְאוֹי לָהֶם לְבָנִים שֶׁגָּלוּ מֵעַל שֻׁלְחַן אֲבִיהֶם".

מיט דעם דערהער פארשטייט מען אויך פארוואס חז"ל האבן קובע געווען צו לייענען די קריאה פון פרשת פנחס דווקא אין די ימי בין המצרים. עס קומט מעורר צו זיין אז טראץ וואס אין די טעג ווערט שטערקער דער מסך המבדיל שטייענדיג אין א צייט פון פינסטערניש, וויל מען מעורר זיין למעלה די זכות פון כלל ישראל, און אז כלל ישראל שטארקט זיך און דווקא אין די טעג בעט זי מעומק הלב און לייענט די פרשה פון קרבנות איז עס מעורר למעלה די רגש החרטה, אז מ'זאל יא וועלן משפיע זיין און אויסלייזן כלל ישראל פון גלות.

זאל הקב"ה העלפן אז מ'זאל זוכה זיין מעורר צו זיין די כח למעלה און די גאולה השלימה זאל קומען צוגיין בקרוב אין אונזערע טעג.

## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

# בַּצָּר 1000$, נישט 1000 שקל

**אין א גוטע שעה האב איך א שידוך געטון מיט מיין קינד.**

**די שידוך איז געווען א פיינע און א געראטענע, אבער עס האט געהאט איין פעלער, די צווייטע זייט איז געווען ארעם און האט נישט געהאט קיין געלט צו צאלן די הוצאות פון די חתונה און אויך פון די איבריגע קאסטן.**

**צוזעענדיג דאס האב איך באשלאסן אז איך גיי זיי העלפן. איך בין נישט קיין עושר, אבער איך האב זיך אנגעשטרענגט און באשלאסן אז אויף וויפיל עס גייט וועל איך זיי העלפן.**

**ווען דער שדכן האט מיר געקלינגען אז מ'דארף צאלן שדכנות געלט און געזאגט אז די סומע צו באצאלן איז 4000 שקל, האב איך מיט די גאנצע רואיגקייט און שטארקקייט האב איך זיך געגעבן א רוף אָן אז נאך היינט וועל איך באצאלן דאס געלט.**

**איך האב עס געזאגט מיט די גאנצע שטארקקייט טראץ וואס איך האב נישט געהאט קיין פרוטה אין טאש. זעענדיג אז עס ווערט נענטער צו די צייט פון באצאלן, בין איך געגאנגען אין א זייטיגער צימער נעבן וואו כ'ארבעט, און כ'האב מתפלל געווען צו הקב"ה ער זאל באגליקן מיינע וועגן און העלפן אז כ'זאל קענען האבן וואס כ'דארף צו קענען באצאלן פאר'ן שדכן.**

**א שטיק צייט שפעטער האט מיר א איד געקלינגען זאגנדיג אז ער האט א טשעק פאר מיר. איך בין געגאנגען עס אפנעמען. עס איז געווען די סומע פון 1000 שקל. איך בין געגאנגען מיט דעם צו א טוישער און געבעטן ער זאל איבערדרייען די טשעק צו קעש געלט.**

**צו מיין וואונדער געבט ער מיר צוריק 4000 שקל. איך קוק אים אן מיט וואונדער. איך פארשטיי נישט וואס עס גייט דא פאר. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען 1000$, נישט 1000 שקל.**

**אין יענע צייט איז נאך דער דאלער געווען 4 שקל פער דאלער, און עס איז אנגעקומען צו 4000 שקל פער 1000 דאלער.**

**איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך האב געקענט צושטעלן פאר דעם איד וואס ער דארף און אז כ'האב נישט געדארפט בארגן אדער דרייען געלטער, נאר געהאט דאס געלט צו העלפן יענעם בהרחבה גלייך אויפ'ן ארט.**

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ר.)

די פאראינטרעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# די גרויסקייט פון די "בין הַמְּצָרִים" טעג

**"אֵלֶּה תַּעֲשׂוּ לַד' בְּמוֹעֲדֵיכֶם וגו'"** (כט, לט)

די פרשה פון די וואך, וואו עס שטייט די פרשה פון די ימים טובים, און עס ווערט דארט אויסגערעכנט די איין און צוואנציג טעג פון די ימים טובים, איז אנטקעגן די איין און צוואנציג טעג פון **"בין המצרים"** וואס הייבן זיך אן די וואך, אום **שבעה עשר בתמוז**, אן דאס קומט אונז אויסלערנען אז די איין און צוואנציג טעג פון די ימים טובים פונעם יאר זענען געווענדן אין די איין און צוואנציג טעג פון די **ימי בין המצרים**. אזוי אויך איז עס אנטקעגן די איין און צוואנציג **הייליגע טעג** צווישן ראש השנה און הושענא רבא הַבָּאִים עָלֵינוּ לְטוֹבָה, און דאס קומט אונז לערנען אז אזוי ווי דער מענטש גרייט זיך אין די איין און צוואנציג טעג פון בין המצרים, אזוי וועלן זיין ביי אים די איין און צוואנציג הייליגע טעג צום גוטן.

און אינעם ספר הקדוש **אור לשמים** (פר' בלק סוד"ה קל מוציאם) שטייט פארבטיגע ווערטער איבער די באהאלטענע גרויסקייט פון די ימי בין המצרים.

וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "עִנְיַן בֵּין הַמְּצָרִים, כִּי הַיָּמִים הָאֵלּוּ הֵם יָמִים קְדוֹשִׁים מְאוֹד, אֲבָל הֵם בְּאִתְכַּסְיָא. **וּבְכָל שָׁנָה וְשָׁנָה נִתְקָנוּ יוֹתֵר וְיוֹתֵר.** וְהֵם כ"א יוֹם כְּמִנְיַן אהי"ה, כִּי עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה נִתְקְנוּ. **וְהַיָּמִים הָאֵלּוּ מְסֻגָּלִים מְאוֹד לִתְשׁוּבָה,** הֲגַם שֶׁשַּׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה לֹא נִנְעָלוּ, וּמוֹעִיל תָּמִיד לְדוֹפְקֵי בִּתְשׁוּבָה, אֲבָל אוֹתָן הכ"א יוֹם שֶׁבֵּין הַמְּצָרִים הֵם מוֹעִילִים יוֹתֵר".

"וְזֶה פֵּרוּשׁ **הַגְּמָרָא** (קדושין כב:) קַרְקַע נִקְנֵית בְּכֶסֶף וּבִשְׁטָר וּבַחֲזָקָה, וּמֵאֵימָתַי הָוֵי חֲזָקָה מִכִּי דַּיֵּשׁ אַמְּצָרֵי (ב"ק ט.). כִּי הַשְּׁכִינָה כִּבְיָכוֹל נִקְרָא קַרְקַע (תיקוני זוהר תיקון י"ט, לט.), דְּהַיְינוּ מֵאֵימָתַי הַשְּׁכִינָה נִקְנֵית לְאָדָם, 'מִכִּי דַּיֵּשׁ אַמְּצָרֵי', **רוֹמֵז לִימֵי הַמְּצָרִים. שֶׁהֵם מְסֻגָּלִים לְפַרְנָסָה**, כִּי הֵם כ"א יוֹם כְּמִנְיַן אהי"ה סוֹד הַתְּשׁוּבָה, וּמִצָּפוֹן זָהָב יֶאֱתֶה (איוב לז, כב), וְצִנּוֹר וּבְרָכָה שֶׁל פַּרְנָסָה וְכוּ', שֶׁמַּמְשִׁיךְ פַּרְנָסָה וְשֶׁפַע מִמִּי שַׁדַּי בְּבִרְכוֹתָיו, אַמְּצָרֵי לִימֵי הַמְּצָרִים, שֶׁהֵם מְסֻגָּלִים לָזֶה", עַד כָּאן לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ.

פון זיינע הייליגע ווערטער לערנען מיר ארויס, איבער די גרויסקייט פון די בֵּין הַמְּצָרִים טעג, וועלכע זענען ספעציעל מסוגל פאר תשובה, און אויך פאר פַּרְנָסָה טוֹבָה בְּרֵיוַח, צוליב די ברכה וואס איז באהאלטן אין זיי. און יעדן יאר ווערט מער און שטארקער דער תיקון פון די טעג פון בֵּין הַמְּצָרִים, און עס ווערט אנטפלעקט אלץ מער און שטארקער די ברכה וואס איז באהאלטן אין אט די טעג.

**זאל דער אויבערשטער העלפן אז די ברכה פון אט די געהויבענע טעג זאל נתגלה ווערן בשלימות, און מיר זאלן זוכה זיין אז די טעג זאלן ווערן איבערגעדרייט לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה, בְּבִיאַת גּוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה דִּידָן, אָמֵן.**

***

אין איינס פון די שבתות פון די טעג פון **"בֵּין הַמְּצָרִים"**, איז געזעצן הרה"ק **רבי אהרן הגדול מקארלין זצוק"ל**, און האט געפירט זיין שֻׁלְחָן הַטָּהוֹר אום **ליל שבת קודש** מיט גרויס פרייד און געהויבנקייט, און מיט א געוואלדיגע התלהבות, מיט אַן אש קודש, ווי דער שטייגער פון קארלינער חסידים פון אייביג אָן.

צווישן די באטייליגטע ביים טיש, איז געווען א איד א גאסט וועלכער האט זיך נישט געציילט צווישן די קארלינער חסידים, און האט איבערהויפט נישט געקענט די מנהגים פון די חסידים, און ער האט אוודאי נישט געקענט די מנהגים פונעם ארט, דעריבער האט ער זיך געוואונדערט און האט נישט געקענט פארשטיין, לְשִׂמְחָה מַה זוֹ עוֹשָׂה? מיר געפינען זיך דא אינמיטן די בין המצרים טעג! און אלע אידן טרויערן אין די טעג אויפן חורבן, און דא זיצט מען און מען פריידט זיך?!...

אזוי ווי דער גאסט איז געזעצן דארט פארטראכט מיט אזעלכע געדאנקען, האט דער ציבור געשטעלט זינגען מיט גרויס התלהבות דעם זמר **"כָּל מְקַדֵּשׁ"**. און אט הערט ער ווי דער הייליגער רבי זינגט מיט גרויס באגייסטערונג די ווערטער פונעם זמר: **"אוֹהֲבֵי ה' הַמְחַכִּים בְּבִנְיַן אֲרִיאֵל"**, און דערביי האט ער איבערגע'חזר'ט די הייליגע ווערטער עטליכע מאל מיט א ספעציעלע תנועה און מיט גרויס התרגשות! ווען דער גאנצער קהל האט מיטגעזונגען מיט אים בְּחֶרְדַּת קוֹדֶשׁ. - דא האט שוין דער גאסט פארשטאנען, אז דער רבי און די חסידים האבן איבערהויפט נישט פארגעסן אז מען האלט אינמיטן די בין המצרים טעג, נאר דווקא צוליב דעם וואס מען שטייט אין די געהויבענע טעג איז מען **אוֹהֲבֵי ה' הַמְחַכִּים בְּבִנְיַן אֲרִיאֵל**...

אבער ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג, ווען פלוצלונג, נאכדעם וואס דער הייליגער צדיק האט אזויפיל מאל איבערגע'חזר'ט מיט התלהבות די ווערטער "הַמְחַכִּים בְּבִנְיַן אֲרִיאֵל", האט זיך פלוצלונג געהערט די הייליגע שטימע פון דער רבי, ר' אהרן הגדול, אזוי ווי איינער וואס געבעט זיך א צושאקל, און ער האט זיך צושריגן און געזאגט: **"אָבֶער, בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ וכו'"**, און דער גאנצער קהל האט אים נאכגעזאגט די ווערטער מיט גרויס פרייד!

דעמאלטס האט שוין דער גאסט אלעס פארשטאנען, און זיין וואונדער איז פולשטענדיג פארענטפערט געווארן, ווייל באטש מיר ווארטן זייער שטארק אין די טעג פון בין המצרים, אז מען זאל שוין זוכה זיין אינגיכן צום בִּנְיַן אֲרִיאֵל. - פונדעסטוועגן איז אסור אום שבת צו זיין בַּאֲבֵלוּת, נאר בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ!

און אין זיינע הייליגע ווערטער וואס דער הייליגער צדיק האט שפעטער גערעדט, האט ער געזאגט צווישן אנדערע:

טראצדעם וואס די טעג זענען טעג פון **אבלות**, וואס ישראל קדושים טרויערן אויפן צער פונעם חורבן, פונדעסטוועגן זאל מען אכטונג געבן זיך צו דערווייטערן פון **עצבות!** ווייל **אֲבֵלוּת** און **עַצְבוּת** זענען צוויי פארשידענארטיגע וועלטן אינגאנצן, אבער די ווייטקייט צווישן זיי איז ווי א דינע האָרעלע...

און ער האט צוגעגעבן בלשון קדשו: **עצבות איז טאקע נישט קיין עבירה, אבער דאס וואס די עצבות קען ברענגען, קען קיין שום עבירה נישט ברענגען!** דאס איז וויבאלד עצבות קען חלילה ברענגען מיט זיך **יאוש**, זאל דער אויבערשטער אפהיטן.

***

איינער פון די **באבובער חסידים** אין די גרויסע שטאט **ניו יארק יצ"ו**, האט באשטעלט א גוי'אישער קאלעכבער צו פארבן די ווענט פון זיין הויז. אינעם באשטימטן טאג, ווי נאר עס איז געווארן אינדערפרי, איז דער גוי געקומען צו דער ארבעט, און ער האט זיך גענומען אראפנעמען אלע זאכן וואס האבן געהאנגען אויף די ווענט, כדי ער זאל קענען צוגיין צו די ארבעט. און אט זעט ער אינעם צענטער פונעם וואנט פון דער סאַלאָן, א גרויסע און פראכטפולע בילד פונעם באבובער רב, כ"ק אדמו"ר הרה"ק **רבי שלמה זצוק"ל**, וואס כידוע האט ער געהאט א געוואלדיגע הייליגע צורה מיט א ספעציעלע ליכטיגע הדרת פנים.

דער גוי איז זייער באגייסטערט געווארן פונעם בילד, און ער האט דערציילט פארן בעל הבית, אז פאר דעם מענטש אויפן בילד האט ער דרך ארץ! און דערביי האט ער ערקלערט, אז מיט עטליכע חדשים צוריק איז ער באשטעלט געווארן צו פארבן דעם הויז פון דעם רבי'ן, און ער האט באקומען דארט אזא וואונדערליכער באציאונג, וואס ער איז נישט אימשטאנד דאס צו פארגעסן!

ער האט דערציילט ווי דער רבי האט זיך באצויגן צו אים מיט זיין געוואלדיגע איידלקייט און גוטהארציגקייט, און נאכן ארבעטן עטליכע שעה האט אים דער רבי אפגעשעטלט פון די ארבעט, און אים דערלאנגט א גוטע און זעטיגע מאלצייט, ערקלערנדיג אז אויב מען עסט נישט האט מען נישט קיין כח צו ארבעטן ווייטער!

דערנאך, ווען ער האט ווייטער געארבעט, האט ער אים געוויזן א געוויסער ארט וואו מען דארף נישט פארבן, און מען זאל עס לאזן אזוי ווי עס איז. ווען דער רבי האט געזען אז ער וואונדערט זיך דערויף, האט ער אים שיינערהייט געגעבן צו פארשטיין, אז פונעם טאג וואס אונזער בית המקדש איז חרוב געווארן האבן די הייליגע חכמים אונז באפוילן אסאך דינים אלץ **"זֵכֶר לַחֻרְבָּן"**, און איינס פון זיי איז אז ווען מען פארבט א הויז, לאזן מיר אן אמה אויף אן אמה אן צו פארבן, אלץ אבילות אויפן בית המקדש.

**די געציילטע ווערטער פונעם רבי'ן און די וועג וויאזוי ער האט זיך באצויגן צו אים, האבן געלאזט א געוואלדיגער איינדרוק אויפן גוי, און פון דעמאלטס און ווייטער האט ער געפילט א געוואלדיגער שעצונג צו דעם צדיק.** – **און אויף אזעלכע געהויבענע מענטשן זאגט דער פסוק** (דברים כח, י) **"וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ**

**כִּי שֵׁם ד' נִקְרָא עָלֶיךָ וְגוֹ'".**

***

דער שטייגער פון **הגה"צ דער מקובל רבי שמואל דרזי זצוק"ל** איז געווען, אז ער האט געפראוועט יעדער נאכט **"תיקון חצות"** מיט גרויס געוויין און טרויער אויפן חורבן, און ער האט מאריך געווען דערביי מיט געהויבענע כוונות לויט די כתבי **מרן האר"י ז"ל.**

אויך האט ער שטענדיג מקפיד געווען, מקיים צו זיין וואס די הייליגע מקובלים די גורי האר"י ז"ל האבן געשריבן אין זיין נאמען, אז מען זאל מהדר זיין און גיין אנגעטון **מיט א לְבוּשׁ שַׂק** אינדערצייט וואס מען זאגט דער תיקון חצות, און דערמיט צו קלאגן אויפן חורבן בית המקדש.

איך געדענק ווי מיט צענדליגער יאר צוריק, ווען ער האט געפינען אין די ווערטער פון די מקובלים אז מען זאל ספעציעל מהדר זיין צו גיין אנגעטון מיט א מלבוש וואס איז געמאכט פון א **זאק וואס איז געמאכט פון די האר פון די ציגן**. און נאכדעם וואס מען האט געזוכט פאר אים אין עטליכע ערטער אין ארץ ישראל א מלבוש וואס איז געמאכט פון א זאק פון ציגן האָר און מען האט נישט געטראפן, האט ער געשיקט א ספעציעלן שליח אראפצופארן קיין מצרים, און ער האט אים געוויזן וויאזוי ער זאל געפינען די האר. ער האט געזאגט פארן שליח, אז ער זאל גיין צווישן די פילע געצעלטן וואס די בעדואינער שטעלן אויף אין די מדברות... און אסאך פון זיי נוצן פארן דאך פונעם געצעלט, א זאק וואס איז געמאכט פון ציגן האר, וואס איז באוואוסט אז עס האט א ספעציעלער קראפט בייצושטיין יעדן שטורעם־ווינט און אלע ערליי שטארקע ווינטן!

דער שליח האט ווירקליך געטראפן דאס וואס ער האט געזוכט, און ער האט געקויפט עטליכע גוטע זעק פון ציגן האָר, און ער האט עס געברענגט צום רב, וועלכער האט זיך געפריידט מקיים צו זיין דער מנהג לויטן באפעל פון די גדולי המקובלים נ"ע.

די ציגן האָר האט מען געגעבן פאר א ספעציעלער בעל מלאכה, וואס ער האט בדחילו ורחימו אנגעגרייט דערפון א ספעציעלן מלבוש פארן רב פאר תיקון חצות (דאס איז אייגנטליך געווען א געהעריגער מלבוש, מיט ארבל, און די ציגן האר טוט שטעכן און וויי־טון, און דערמיט האט ער געוואלט אויסדרוקן דער צער פון די אבילות). פילע יארן שפעטער איז ער נאך געגאנגען מיט דעם, נאכט נאך נאכט, פראווענדיג תיקון חצות, און זיצנדיג אויפן ערד ברוב עם, און זיין אויסזען האט דעמאלטס אויסגעזען זייער פארכטיג.

***

אין עיר הקודש **ירושלים** של מעלה **ת"ו** אינעם פריערדיגן דור, איז געווען א הייליגע חבורה פון די זקני ירושלים און די נְקִיֵּי הַדַּעַת, וואס האט געהייסן **"חברת ליל שישי"**. צווישן די באטייליגטע ביי די חבורה, געדענק איך **הגה"צ רבי שמואל שפירא זצ"ל**, פון די זקני וחשובי חסידי **ברסלב**, אזוי אויך **הגאון רבי וועלוול חשין זצ"ל**, און נאך אסאך חֲסִידִים וְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה. ווען צו זיי פלעגן זיך אנשליסן יעדן וואך פילע מענטשן, **יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים מִסָּלְתָּהּ וּמִשַּׁמְנָהּ.**

זייער שטייגער איז געווען זיך צו פארזאמלען יעדן 'ליל שישי' **ביים קבר פון דוד מלך ישראל ע"ה**, דארטן פלעגן זיי זיצן און לערנען תורה מיט גרויס התמדה און פלייסיגקייט, פון אנהייב נאכט ביז חצות. ווען עס איז געווארן האלבע נאכט, האבן זיך אלע געזעצט אויף דער ערד, און האבן געפראוועט דער סדר פון **"תיקון חצות"** מיט א געוואלדיגע התעוררות און מיט פלאם־פייערדיגע הייליגע התלהבות אויף דער חורבן בית אלקינו. פילע פון די אנשי ירושלים פלעגן קומען זיך צו באטייליגן מיט זיי, און האבן דארט אויסגעגאסן זייער הארץ אזוי ווי וואסער נֹכַח פְּנֵי הַשֵּׁם, מיט תפילות און בקשות. נאכדעם פלעגן זיי ווייטער לערנען די הייליגע תורה בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ ביזן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, און דעמאלטס פלעגן זיי ארויסגיין דאווענען שחרית כוותיקין **קעגנאיבער דעם מקום המקדש**, ביים שְׂרִיד בֵּית מִקְדָּשֵׁנוּ.

[פילמאל פלעגט זיך באטייליגן מיט זיי צו תיקון חצות, דער באוואוסטער צדיק **רבי דוד לייב שווארץ זצ"ל**, דער בעל הצדקה מפורסם, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פארן פונעם עיר התורה **בני ברק יצ"ו** מיט א גרויסן 'טענדער' [וועגן], באגלייט מיט נאך חשוב'ע זקנים און תלמידי חכמים פון בני ברק. און דערנאך פלעגן זיי ווייטער פארן צו מתפלל זיין אנטקעגן דעם מקום המקדש, און אינעם מַעְיַן הַשִּׁילוֹחַ און אינעם קבר רחל, כידוע].

אבער מיט די צייט, נאכדעם וואס עטליכע פון די חשוב'ע זקנים וואס האבן באשיינט דעם חשוב'ן מעמד, איז אפגעשוואכט געווארן די "חברת ליל שישי", ביז עס זענען אנגעקומען בלויז מְתֵי מִסְפָּר, און עס האט קוים געהאלטן א מנין מענטשן.

אבער איינער פון די אֲרָיוֹת שֶׁבַּחֲבוּרָה, **ה"ה הרה"ח רבי אליהו בערגער זצ"ל**, האט דאס גענומען צום הארצן, ערקלערנדיג אז אט די **חברת "ליל שישי"** איז גורם א געוואלדיגע נחת רוח אויבן אין הימל, וויבאלד מען איז וואַך די גאנצע נאכט מיט תורה און עבודה, איבערהויפט מיטן פראווען דעם 'תיקון חצות' בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ, און ער האט באשלאסן צו באנייען די חבורה מיט מער כח און שטארקייט.

– רבי אלי' האט טאקע גענומען די אויפגאבע אויף זיינע פלייצעס, און פון דעמאלטס און ווייטער האט זיך דער פלאץ שטארק באנייט יעדן 'ליל שישי' מיט א גרויסן ציבור וואס איז געקומען זיך באטייליגן ביים תיקון חצות. פילע יונגעלייט פלעגן זיך באטייליגן ביים סדר הלימוד די גאנצע נאכט מִתְּחִלָּתוֹ וְעַד סוֹפוֹ, וְחֵפֶץ ה' בְּיָדוֹ הִצְלִיחַ.




די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין • באשטעלט • דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173